טיפּיש סלאַווישער, די דיקע פֿונאַנדערגעשוואָמענע נאָז, די סטאַרטשנדע באַקן, אַפֿילו דער תּמעוואַטער בליק פֿון די נאַיִווע אויגן — קיין זכר פֿון אַ ייִדן איז אויף דעם אַלטן נישט געווען צו באַמערקן. און דאָך איז ער געווען אַ ייִד. און נאָך וואָס פֿאַר אַ ייִד!

געשטאַמט האָט ער פֿון ליטע, פֿון אַ קליין שטעטל, נעבן שקלאָוו. געווען איז ער אַ דאַר, שוואַך ייִנגעלע, צו די ניין יאָר, ווען ער האָט שוין געלערנט גמרא מיט תּוספֿות און מהרש״א. געוויס וואָלט פֿון אים אַרויס אַ דאַר, שוואַך ייִדעלע, אַ מלמד און אַן אבֿיון, ווי דער פֿאָטער. נאָר אים איז באַשערט געווען אַ שטורמיש און אַ ריזיק לעבן, האָט זיך אַריינגעמישט... ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטש.

יאָ, דער קייסער ניקאָלײַ דער ערשטער האָט זיך אַריינגעמישט אין זיין לעבן. נישט דירעקט, נאָר דורך אַ ייִדישן כאַפּער, וועלכער האָט זיך מיט אַ חבֿרה יונגען איין מאָל ביי נאַכט אַריינגעריסן צו אים אין שטוב, אַראָפּגעשלעפּט אים פֿון אויוון, וווּ ער איז געשלאָפֿן, אַרויסגעריסן פֿון די הענט פֿון דער מוטער, וועלכע האָט אים געוואָלט באַשיצן, אַריינגעוואָרפֿן ווי אַ געבונדן קעלבל אין וואָגן און שנעל פֿאַרשוווּנדן מיט אים. בשעת דער מהומה און ראַנגלען זיך, האָט דער פֿאָטער נאָר צייט געהאַט אויסצושרייען אים:

— גרשון, שווער ביי גאָט, אַז דו וועסט בלייבן אַ ייִד!

און ער האָט דורך געוויין געענטפֿערט:

— איך שווער, טאַטע!

מען האָט אים אָפּגעפֿירט אין דער נאָענטסטער שטאָט און צונויפֿגעבראַכט מיט אַנדערע אַזעלכע ווי ער געכאַפּטע קינדער. מען האָט פֿון אים אַראָפּגענומען די ייִדישע בגדים, אָפּגעשוירן די פּאות און אָנגעטאָן אַ לאַנגן שינעל, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אין די פֿיס. צו די קינדער זיינען געווען צוגעשטעלט אַלטע, בייזע סאָלדאַטן, דיאַדקעס [1], וועלכע האָבן פֿון דער ערשטער מינוט אָן גענומען אומבאַרעמהאַרציק שלאָגן און שמייסן די קינדער.

---

[1] אויפֿזעערס, היטערס, „דערציִערס" אין קאַזאַרמע.

## צוויי מאַרטירערס

פֿיר שעה בין איך אָפּגעזעסן מיטן אַלטן גרשון פֿאַלק און געהערט זיין דערציילונג — און די גאַנצע צייט האָב איך מיך געפֿונען אונטער דעם איינדרוק, אַז איך הער עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישע לעגענדע און זע פֿאַר זיך אַ מענטשן נישט פֿון אונדזערע דורות, נאָר פֿון די אוראַלטע צייטן.

פֿאַלק איז געווען איבער נייַנציק יאָר. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט ער געהאַט אַלע חושים, געווען נישט נאָר שטאַרק, אַפֿילו מעכטיק, און געהאַלטן זיך גלייך ווי אַ יונגער מאַן. געווען איז ער פֿון ריזיקן וווּקס, אַ ברייטביייניקער אַ מעכטיקער, מיט אויסדריקלעכע שטריכן פֿון פּנים, אַ גרויסע, ברייטע נאָז, דיקע וואָנצעס און אַ באָרד, נאָך נישט קיין גאַנץ גרויע, שיִער נישט ביזן גאַרטל, אין מיטן אויסגעגאָלט און צעטיילט אויף צוויי פֿליגל. גערעדט האָט ער שאַרף און הויך, כּמעט געשריִען — און אָפּריידנדיק פֿיר שעה, אַ האָר נישט פֿאַרמאַטערט זיך. אויף אים איז געווען אַ שוואַרצער ראָק און אַ צילינדער־הוט. דאָס האָט ער אָנגעטאָן צוליב מיר, אַ גאַסט פֿון פּעטראָגראַד.

און נישט נאָר דאָס אויסזען פֿאַלקס איז געווען מעכטיק. דער גאַנצער סדר פֿון זיין לעבן איז געווען אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב. געהאַט האָט ער דריי און צוואַנציק קינדער, ביי הונדערט אייניקלעך און עטלעכע צענדלינג אוראייניקלעך. געוווינט האָט ער אין דער שטאָט וויאַטקע, וווּ איך האָב זיך מיט אים געטראָפֿן — האָבן דאָרט צו אים געהערט אַכט גרויסע מויערן, צוויי מאַגאַזינען. זיין פֿאַרמעגן האָט מען געשאַצט אין אַ האַלבן מיליאָן רובל.

גערעדט האָט ער רוסיש. אַ זאַפֿטן, פֿאַרביקן רוסיש מיט אַלע אויסדרוקן און אָפּקלאַנגען. דאָס פּנים איז ביי אים אויך געווען אַ

מ׳האט זיי פיל חדשים געפירט אויף פורן און געטריבן צו פוס פון שטאט צו שטאט ביז מען האט זיי געבראכט אין טולא. דא האט מען זיי געפירט אין באד, א גאנצן טאג נישט געשלאגן און אנגעזאגט, אז מען וועט זיי פירן צו א גרויסן גענעראל.

געבראכט זיי אלעמען אין א גרויס הויז, אריינגעפירט אין א לאנגן חדר און אויסגעשטעלט אין עטלעכע רייען. באלד איז געקומען דער גענעראל, אן אלטער, מיט פיל מעדאלן אויף דער ברוסט. ער האט זיך געווענדט צו זיי מיט דעם אויפרוף: קינדער! ער האט געזאגט:

— ביז איצט האט יעדערער פון אייך געהאט א פאטער און א מוטער. פון היינט אן דארפט איר זיי אויף אייביק פארגעסן, ווייל איר האט איצט א נייעם פאטער. דאס איז דער קייסער ניקאלײַ פאוולאוויטש.

און געהייסן אויסשרייַען הורא!

צווישן די קינדער האט זיך געפונען א צוועלף יעריקער, מיטן נאמען אברהמל. ער האט פארשטאנען רוסיש און איבערגעזעצט דעם גענעראלס ווערטער. און די קינדער האבן אויסגעשריגן „הורא!״ זייער נייעם „פאטער״.

ווייטער האט זיי דער גענעראל דערציילט, אז זייער „פאטער״ באגייט זיך גוט און הארציק מיט די וואס פאלגן אים, אבער ער איז אומבארעמהארציק צו די, וועלכע דערפילן ניט זיין געבאט. דעריבער מוזן זיי וויסן, אז זייער „פאטער״ באפעלט, זיי זאלן זיך אפזאגן פון זייער פאלשן יידישן גלויבן און אננעמען דעם ליכטיקן גלויבן אין יעזוס קריסטוס — און ווייטער געהייסן אויסשרייַען „הורא!״...

אברהמל האט דאס מאל מיט א דערשראקענעם קול איבערגעגעבן דעם גענעראלס ווערטער. דער קינדערשער „הורא!״ האט דורכגעקלונגען א וויינענדיקער, א פארשטיקטער.

מיט א מאל האט זיך באוויזן א גלח מיט א גרויסן זילבערנעם צלם אין האנט, ער האט אנגעהויבן פון דער [illegible]

דער און צוטראגן יעדערן צו די ליפן דעם צלם א קוש טאן. נאר



נישט איין קינד האט זיך נישט צוגערירט מיט די ליפן צום צלם. זיי האבן זיך אפגעווארפן צוריק מיט שרעק. עס איז אויסגעבראכן א היסטעריש געוויין. עטלעכע קינדער זיינען געפאלן צו דער ערד; אנדערע האבן געשריגן „שמע ישראל!״

ביים גענעראל האבן זיך אנגעגאסן די אויגן מיט בלוט. ער האט אנגעהויבן טופען מיט די פיס אויף די קינדער, אויף די דיאדקעס, האט געשריגן: „זשידיוכעס! איך וועל אייך פארשמייסן!״...

און געהייסן אפפירן זיי אין קאזארמע.

די דיאדקעס האבן געשלאגן און געשמיסן די קינדער. נאר אז מ׳האט זיך געלייגט שלאפן און די קינדער זיינען געבליבן אליין, האבן זיי זיך געטוליעט איינער צום אנדערן און געגעבן די הארבסטע שבועה נישט צו שמדן זיך.

אויף מארגן האט מען די קינדער נישט געגעבן קיין עסן. און אויפן דריטן טאג האט מען זיי ווייטער אפגעפירט אין דעם חדר, וווּ זיי זיינען דאס פאריקע מאל געווען. דארט האט זיך איצט געפונען א טיש, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעשטעלט בולקעס און קיכלעך, פוטער און האניק און עס זיינען געלעגן בערגלעך קאנפעקטן. עטלעכע שעה האט מען אפגעהאלטן די הונגעריקע פארשמאכטע קינדער אנטקעגן דעם טיש, נישט צולאזנדיק זיי צו אים נאענט. נאך דעם איז צו זיי ארויסגעגאנגען אן אפיציר, וועלכער האט אנגעהויבן רידן צו זיי יידיש. געזאגט, אז ער איז אויך פון יידן, האט לאנג נישט געוואלט זיך שמדן, נאר דערזעענדיק, אז עס איז נישט צו מאכן, האט ער זיך געשמדט און איצט איז ער גליקלעך. ער האט ווייך איינגערעדט די קינדער צו שמדן זיך. גאט וועט זיי נישט שטראפן, ווייל זיי דערפילן דעם קייסערס באפעל.

געענדיקט האט ער מיט די ווערטער:

— ווער עס וועט צוזאגן שמדן זיך, מער נישט ווי צוזאגן, דער קאן צוגיין צום טיש און עסן וואס זיין הארץ גלוסט.

דער ערשטער איז צוגעגאנגען דער צוועלף־יעריקער אברהמל און צוגעכאפט זיך צום עסן, נאך אים האבן זיך א ציי געטאן עטלעכע